# ביזנעס גערעדט

וועכענטליכע ביזנעס אימעיל

Issue No. 23 | businessgeredt@gmail.com | יום א' פרשת תולדות | Sunday Dec. 1

sponsored by:

SAG

SYNERGY ADVISORS GROUP

# אנאליז




א גוט מארגן ר' יוד!

אז די ביזט א בארימטע פיגור, מיינט נישט אז די ביזט אויך א באליבטע מענטש. למשל בארימטע ביליאנערן ווי ביל געיטס, מארק זאקערבערג, און אילאן מאסק זענען בארימט, אבער רוב אמעריקאנער האבן נישט קיין פאזיטיווע בליק אויף זיי.

יאו גאוו'ס שטודיע צייגט אז רוב אמעריקאמער האבן נישט קיין פאזיטיווע מיינונג אויף קיין איינס פון די ביזנעס פיגורן, און ביל געיטס האט די העכסטע ראטע ביי בלויז 45%.

סאיז אינטערעסאנט אנצומערקן אז בלויז 65% אמעריקאמער ווייסן ווער טים קוק, די CEO פון עפל איז.

דאנאלד טראמפ .Jr, און עריק טראמפ, זענען ביידע זייער בארימט, (93% און 88% פון אמעריקע ווייסן צו זאגן פון זיי) אבער אין די זעלבע צייט האבן זיי א ראלעטיוו נידריגע פאפולער ראטע (בלויז 36% און 31% פון אמעריקע האבן זיי ליב).

# דורכגעפאלן און פארוואס

.02 די 4 גרעסטע פירמע'ס אין היסטאריע דורכצופאלן און פארוואס

Quibi Kodak moviepass yahoo!




די סינומע אינדאסטרי איז גרייט פאר פרישע אינאוואציע, און אין 2011 האט די פריש געבוירנע פירמע "מאוויפעס" געלאזט וויסן פאר די וועלט אז זיי זענען "די פירמע", וואס דורך זיי וועט די אינדאסטרי געטוישט ווערן אויף אייביג. זייער סטראטעגיע איז געווען פשוט (און צו גוט צו זיין אמת) צוזאגנדיג פאר זייערע קאסטומער'ס אז זיי וועלן קענען זען א מאווי א טאג, ווען זיי ווילן, און ווי זיי ווילן.

פאר יארן האט א סאבסקריבשן געקאסט $50 און מאוויפעס האט זיך שווער געמיטשעט, און פשוט נישט געקענט מאכן קיין פראפיט דערפון. און די סיבה איז געווען וויבאלד אירע סטראטעגיע איז געווען געבויט אויף די חשבון, אז די מענטשען וואס קוקן ווייניג מאווי'ס וועלן אויסצאלן די מענטשען וואס קוקן אסאך-די זעלבע סטראטעגיע וואס דשימ'ס נוצן. די פראבלעם איז אבער אז אנדערש ווי ביי מאווי'ס, האבן רוב מענטשען פיינט צו גיין אין דשים, בשעת וואס רוב מענטשען האבן ליב צו זעען א מאווי, און עס זענען כמעט נישט געווען קיין קאסטומער'ס וואס האבן געקוקט בלויז איין מאווי א חודש.

אין 2017 האט א אנדערע פירמע אפגעקויפט מאוויפעס, אפגעזאגט איר גרינדער, און אראפ גענידערט די פרייז פון א חודשליכן סאבסקריבשן צו $10. און היות זיי האבן געקויפט די טיקעטס פאר די געהעריגע פרייז, איז אויסגעקומען אז זיי האבן פארלוירן געלט פון יעדעס טיקעט וואס זיי האבן נאר פארקויפט, אבער אין טעאריע האבן זיי פראבירט אויפצובויען א באזע פון באנוצער, כדי צו קענען פארהאנדלען בעסערע פרייזן פאר די טיקעט'ס וואס זיי קויפן.

יעצט איז זייער גאנצע סטראטעגיע געווען צו קענען ארויסבאקומען פון מאווי טעאטער'ס צוויי זאכן. איינס, ביליגער טיקעט'ס, און צוויי, א פראצ־ענט פון יעדעס סעיל וואס ווערט אדורכגעפירט דורך זייער פלאטפארמע, יעצט אויב וואלט זיך די פלאן אויסגעארבעט, וואלט מאוויפעס געווען א ערנסטע שפילער אין די מאווי אינדאסטרי, אבער AMS טעאטער'ס האט געבאדערט די אגרעסיווע טאקטיקן מיט וואס מאוויפעס באנוצט זיך, און נישט נאר וואס זיי האבן זיך נישט צוגעשטעלט, האבן זיי געפענט זייער אייגינע סאבסקריבשן סערוויסעס אין דירעקט קאמפעטיציע מיט מאוויפעס.

און פון דא אין ווייטער איז אלעס געגאנגען בארג אראפ, די פירמע האט זיך פארמאכט אין 2019, אין איז געצט גערענקט אלס איינער פון די גרעסטע ביזנעס דורכפעלער אין היסטאריע.

## פארוואס איז מאוויפעס אזוי שטארק דורכגעפאלן?

מאוויפעס האט אין צוויי באזונדערע פעלער אריינגעפאלן מיט די נישט גוטע מענטשען, די ערשטע מאל איז געווען ווען זיי האבן גענומען געלט פון העליאוס און מעטעסאן וועלכע האבן ארויסגעווארפן די גרינדער פון מאוויפעס, ווי אויך האט זייער שלעכטע רעפוטאציע ביי AMC זיי אנגעבר־ענגט שווערע קאמפעטושן, און די פירמע האט געהאנדלט גאר שלעכט מיט אירע קאסטומער'ס.

דאס אלעס איז גאר שלעכט פאר א פירמע וואס האט נישט קיין שום אינאוואציע, חוץ פון ביליגער מאווי טיקעטס. און נאך אלע מעשיות האט האליוואד זיי שיינערהייט דערמאנט מיט וועם זיי הייבן זיך אן.

# ביזנעס מאדעלס

.07 און די פירמעס וואס האבן זיי סוקסעספולעהייט גענוצט

און צום שלוס.

ב"ה מיר האבן זוכה געווען צו שרייבן די גאר סוקסעספולע "ביזנעס מאדעל'ס" סעריע, און מיר וועלן בעזהשי"ת ווייטער צושטעלן גאר רייכע, אינטערעסאנטע, און אינפארמאטיווע ביזעס אנאליזן, נייעס, ארטיקלען, און סעריע'ס.

ווי אויך ווילן מיר מעלדן אז מיר ארבעטן אויף א רייע גאר אינטערעסאנ־טע פראיעקטן, כדי צו קענען צושטעלן וואס מער פאר אונזערע חשובע ליינער.

צום ווידערזען קומעדיגע וואך אי"ה מיט א פרישע סעריע!

# נייעס פון די וואך

נייעס פון די וואך'ס גרעסטע געשעענישן



## נאוסאם לאזט נישט אפ מאסק...

קאליפארניע גאווענער געווין נאוסאם פלאנט צו אנהייבן געבן ריבעיטס פאר קאליפארניע איינוואונער, אין פאל טראמפ שנייט די פעדעראלע EV שטייערן קרעדיט. נאוסאם זאגט אבער אז טעסלא'ס וועלן מן הסתם נישט קענען באקו־מען די קרעדיט, און ער טענהט אז ער טוט עס וויבאלד ער וויל אז עס זאל זיין מער קאמפעטישן אין די EV מארקעט.

## ספעיס עקס איז די לאנד'ס גרעסטע פריוואטע פירמע צום פערטן יאר



אילאן מאסק'ס ספעיס עקס פירמע, איז געווען די גרעסטער פארדינער אויף פארבס 2024 ליסטע פון אמעריקע'ס ווערטפולסטע פריוואטע פירמע'ס, מיט אירע פארדינסטן קומענדיג אפילו פאר מאסק איז געווארן גוט מיט טראמפ. די פירמע'ס שנעלסטע וואקסנדע סאטולייט ביזנעס אין די וועלט האט געגעבן די פירמע א שטארקע שטיפ, און בשעת וואס אילאן מאסק'ס סאציאלע מידיא פירמע עקס איז אויפן וועג אראפ, (ליינט פאריגע וואך ווי מיר האבן עס באש־ריבן בעריכת) איז ספעיס עקס, די לאנד'ס גרעסטע פריוואטע פירמע צום פערטן יאר אין א רייע.

## קעדילעק צו האבן א F1 טיעם אין 2026



GM האט געמאלדן אז זי וועט ברענגען א קעדילעק-ברענדעד טיעם צו פא־רמילא 1 אין 2026, און דערביי זיין די ערשטע אמעריקאנער קאר פירמע מיט א טיעם אין פארמילא 1. קעדילעק וועט אבער נישט זיין די איינציגסטע אמע־ריקאנער טיעם, די העס F1 טיעם ווערט געפירט דורך אן אמעריקאנער ביזנע־סמאן גענע העס, אבער זיין טיעם איז גערענגקט אין די אונטערשטע האלב פון די סעריעס, ווי אויך האט די טיעם נישט געהאט קיין אמעריקאנער דרייווער, זייט זי איז געווארן א חלק פון F1 אין 2016.

## אילאן מאסק ברעכט פרישע רעקארד



אילאן מאסק'ס נעט ווערד איז אנגעקומען צו א רעקארד פארגאנגנעם וואך פרייטאג, דאס קומט נאך וואס שעיר'ס פון טעסלא זענען גאר שטארק ארויף, נאך וואס טראמפ האט געוואנען די וואלן.

זיין נעט ווערד שטייט אצינד ביי $321.7 ביליאן, נאך וואס טעסלא שעיר'ס זענען ארויף מיט 3.8%, און מאסק איז געווארן מיט $70 ביליאן רייכער זייט טראמפ האט געווינען די וואלן.

• • •

quote:

